# היום יום . . .

## שבת **טו אדר א, שושן פורים קטן** (תש"ג)

*א"א [אין אומרים] "אב הרחמים" ו"צדקתך".*
*רושמים על הלחם קודם ברכת המוציא, אבל נזהרים שלא לחתוך.*
*גם בקדוש על הפת אומרים סברי מרנן.*

שיעורים: חומש: תצוה, שביעי עם פירש"י.
תהלים: עז־עח.
תניא: עוד ישים – כמ"ש בזה"ק.

אויף לעתיד לבוא שטעהט: אבן מקיר תזעק וכפיס מעץ יעננה. איצטער שווייגט דער דומם, מ'טרעט אויף איהם און ער שווייגט. אבער עס וועט קומען א צייט אין דעם גילוי פון לעתיד, וואס דער דומם וועט אנהויבען ריידען, דערציילען, און ער וועט מאנען, אויב מען האט גייענדיג ניט געטראכט אדער גערעדט דברי תורה, פארוואס האט מען אויף אים געטראטען.

די ערד וואס מען טרעט אויף איהר, ווארט טויזענטער יאהרען, פון ששת ימי בראשית, און עס טרעטען אויף איהר דערווייל כמה ברואים בעלי חיים כו', ביז עס וועט דארט טרעטען א איד, צוויי אידען, און וועלען ריידען א דבר תורה. ובאם לאו – זאגט זי: דו ביזט דאך אויך ווי א בהמה.

בקשר ל"עתיד לבא" נאמר: "אבן מקיר תזעק וכפיס מעץ יעננה". עתה מחריש ה"דומם". דורכים עליו – והוא שותק. אך יבא זמן בגילויים שבעתיד, והדומם יתחיל לדבר, לספר, ויתבע: אם תוך כדי הליכה לא הרהרו או שוחחו בדברי תורה – מדוע דרכו עליו?!

האדמה עליה דורכים ממתינה אלפי שנים, מאז ששת ימי בראשית – כאשר בינתיים דורכים עליה כמה ברואים בעלי חיים כו, – שתדרוך שם כף רגלו של יהודי, שני יהודים, וישוחחו בדברי תורה. ובאם לאו – אומרת היא: הרי אתה כמו בהמה!